# אַ טאָג צווישן קראַנקע

קומט אַמאָל אַריין אַ טאָג מיט בלאָע אויגן ווי אַ נאַכט,
און ווייל די פירהאַנגען זענען ווייסער פון אים — שעמט ער זיך צו וואַגן,
גאָר פּאַוואָליע שוואַך און טונקל קומט ער נאָענט צי ליידנדיקע
ווי אַ שוואַכער שטילער ענטפער קומט צו שטיל-אומקלאָרע פראַגן...

ווייסע שטיקער פּאַלן, שטראַלן אין האַרצן ליגן ווי שטיקלעך שטערן,
נאָר טאָג אין שטאַמלענדיקער טרייסטער, ווייל ער איז אַליין אויך קראַנק,
קלערן קראַנקע, וואָס-זשע ליידט ער: מאָגן? האַרץ? נירן? לעבערן...
און דערמאָנען זיך וואָס פינצטערס - - און דרימלען ווי שאָטנס, דרימלען לאַנג
און דרימלען ווי שטאָטנס און דרימלען לאַנג - - -

פּלוצלונג איז פּאָרכטיקער גאַנג פון גרויזאַמען קלאַנג.

ווי קיפּערנער גלאָק גיט האַסטיק אַ קלאָג און וואַרפט גרויל אויף דער וואָג
פון דער ראַיה: -
שלאָף פאַלט אַראָפּ און ברעם הייבט זיך אויף:
וואו ברענט אַ — וואו! —
ווי קופּערנער גלאָק אַזוי האַסטיקט אַ קלאָג
אין הערצער אַ צענדליק לאָזט זיך גאַלאָפּ
צום חולה, וואָס זאָגט: כ׳האָב איבער מיין קאָפּ
אין חלום געזען, יאָ יידן, געזען
אַ רעגנבויגן.
אַלע הערן.
אויגן אויפגעבראָכן, דרימלעניש צעשניטן, ווי מיט שערן,
אַלע וואַכן, שווייגן, הערן.
און שרעקן זיך אַ ריר צו טאָן, טאָמער גיט זיך וואָס אַ טראַכט, -
נאָר איינער מיט אַ לעבער ווערט געלער נאָך און לאַכט:
רבותי, עס גייט אויף אונדז א בייטש,

אַזאַ מין חלום איז דער טייטש:
גוואַלטאָוונער טויט!

-אַך —אַזוי? - יאָ — אוי -  דאָס איז עס, דאָס! —
מען זעט אים שוין, ער זיצט זיי אויף דער נאָז
און אויף די אויגן די צעפלאַצטע, ווי אַ גלאַנץ
זעצט זיך אויף צעהאַקטן גלאָז —
דער טויט.

רוקט דער טאָג זיך אָפּ דערשראָקן און טונקלט אין אַלע פיר עקן.
עס טראָגן די וואָלקן געשטאָרבענע קינדער אין בלעכענע בעקן.
עמעצנס פויסט האָט די זין איינגעקוועטשט און צעריבן אויף מעל,
וואָן איז איצט: באַגינען? האַלבטאָג? פאַרנאַכט? — געשפּענסטיש און העל.
אַז מען קאָן גאָרנישט זען: עס גייען די ווייען און קיינער קאָן זאָגן
וואו שטעכעניש ליגט: אין זייטן, אין נירן, אין האַרץ צי אין מאָגן?
אַז מען קען גאָרנישט זען, דער טאָג איז אַנטלאָפן אין אלע פיר עקן
אויס מורא פאר וועלט: — פאר טיגער געהילטן אין פעל פול מיט פלעקן: -
עס הענגען די שעהען בלאָע, ווי מילץ, ווייסע, ווי מאַרך און גרינע ווי גאַל...
עס שטייען, ווי בלינדע די ווענט אין דעם זאַל,
ווער קען זען, וואָס וועט געשען: איז טאָג אַצינד, איז נאַכט?...
און איינער מיט אַ לעבער ווערט געלער נאָך און לאַכט:
געזען אין שלאָף אַ רעגנבויגן איז: גוואַלטאָוונער טויט.

---

אינזער האָפֿענונג (וואַרשע) [1] העפֿט 7, אַפּריל 15, 1926, זז, 29-28